בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז נָאר דִי קוּ

אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין? ! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט ! דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זֵייעֶר קוּ אִיז טוֹיט; זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע קוּ, זֵייעֶר פַּרְנָסָה; וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין, פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה? !

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי ווי דֶער טַאטֶע, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים; רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶועןאַ פְּרֵיילִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַלֶע הָאבְּן אִים לִיב גֶעהַאט, עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּב, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם אָבֶער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

אַלֶע הָאבְּן גֶעווּסְט פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן; דִי גַאנְצֶע דֶערְפְל קוּבְּלִיטְשׁ הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם טֵייעֶרְן אִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוֹיךְ דֶער פְּרִיץ פוּן קוּבְּלִיטְשׁ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַ קוּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם קוּ הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן'ס וַוייבּ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר מֶעלְקְן דֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן פְרִישֶׁע וַוארֶעמֶע מִילְךְ, מִיר וֶועלְן

הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט פַּאר דִי קִינְדֶער״.

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער קוּ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: ״אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!״

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״ ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״ ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״ אַהֲרֹן – שְׁרֵייט זַיין וַוייבּ: – ״וָואס אִין מִיט דִיר גֶעשֶׁען, פַּארְוָואס טַאנְצְטוּ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער קוּ אִיז טוֹיט?! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?״

רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט אִיר: ״טַאקֶע פַּארְדֶעם טַאנְץ אִיךְ; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק״.

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, עֶר זוּכְט דָאס גוּטְס, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט; וֶוען זַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הֵייבְּט עֶר אָן טַאנְצְן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט״, וֶוען עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ טַאנְצְט עֶר אוּן זִינְגְט: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״



לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן!״

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1